שמע בני מוסר אביך
ואל תטוש תורת אמך
כי לוית חן הם לראשך
(משלי א)

תתן לראשך לוית חן
עטרת תפארת תמגנך
(משלי ד)

# קונטרס לִוְיַת חֵן

## ערקלרונגען פאר א אידישע טאכטער
## איבער צניעות און אידישער חן

יצא לאור בעיה״ק ירושלים תובב״א
אלול תשכ״ד ע״י חכמי הישיבות

## דער אידישער חן

די שעהנקייט פון די צניעות, מיט וואס די אידישע פרויען זענען געקרוינט און די אידישע פאלק געלויבט — שטאמט פון אונזער הייליגע תורה. מיר זענען אויף דעם אנגעזאגט געווארן פון דעם אויבערשטן, ווי עס שטעהט אין דער תורה קדושים תהיו! והתקדשתם והייתם קדושים! דערויף זאגן אונזערע חכמים זכרונם לברכה: ״כל מקום שאתה מוצא גדר ערוה — אתה מוצא קדושה״, אומעטום וואו דו געפינסט א פארצוימונג געגן אויסגעלאסנקייט — דארטן רוהט די קדושה!

ווייל דאס דערווייטערונג פון זיך יעדן באריהרונג פון אויסגעלאסנקייט און דאס שטארקונג אין באשיידנהייט, רוימט אויס דאס ערדישקייט פון הארץ און פארטרייבט דאס פארדארבנקייט פון די מגושם׳דיגע נידריגע תאוות וועלכע פירן דעם מענטש אין תהום ח״ו. ווען די הארץ איז ריין פון די אויסגעלאסענע אומווערדיגקייטן און שלעכטע מחשבות — ווערט דארט א ארט פון אהבת השם, פון חכמת התורה צו לערנען די הייליגע תורה, זיך מתבונן צו זיין אין די לויטערע אמונה, היטן מיט א אמת און שמחה די הייליגע מצוות מיטן גאנצן הארץ. דאס קען נאר מעגליך זיין ווען די הארץ איז נישט פארטעמפט פון שלעכטע מחשבות וואס שטאמען פון די אויסגעלאסענע סביבה וואס ארום.

**השי״ת** האט אונז שטרענג פארבאטן אין זיין תורה נישט נאכצוגעהן די נידריגע פריצות׳דיגע פירונגען פון די פעלקער, וועלכע פארטונקלען דאס ליכטיקייט פון די אידישע נשמה, און ווילן אפרייסן דעם אייביגן בונד פון פאלק ישראל, און הקדוש ברוך הוא. מיר דארפן אלזא זיין באשיידן אין אלע וועגן פון אונזער לעבן. ווי עס שטעהט אין פסוק ״והצנע לכת עם ה׳ אלוקיך״ געה באשיידן מיט ג-ט דיין ג-ט! ווייל זיין כבוד איז פוהל די גאנצע וועלט. זאל זיך אפילו דער מענטש באהלטן און פארשטעלן אין די פינסטערניש — פאר זיין עוויגן נאמען קען זיך קיינער נישט באהלטן. פאר איהם איז ליכטיג אלע פינסטערע ווינקלען, און אנפלעקט אלע פארבארגענישן.

**און** ווער עס פירט זיך באשיידן — אויף איהם רוהט די שכינה און זיין ברכה. א שטוב פון צניעות, איז א ״משכן״ פארן אויבערשטן. די חכמים ז״ל זאגן אז אין דעם ווארט ״איש״ (א מאן) געפינט זיך א יו״ד; אין דעם ווארט ״אשה״ (א פרויא) געפינט זיך א ה״א. דאס קומט צו ווייזן אז צווישן מאן און ווייב דארף זיך געפינען ג-ט׳ס נאמען (יו״ד ה״א). ווי אזוי איז עס מעגליך? — דורך די צניעות און באשיידנהייט און שמירת המצוות, רוהט די שכינה אין שטוב; און אז מען דערווייטערט ח״ו די שכינה פון שטוב צוליב די פריצות א. ד. ג., געהט אוועק דער יו״ד ה״א פון מאן און ווייב, און פון איש־אשה בלייבט נישט מער ווי אש־אש ד. ה. פייער און פייער רחמנא ליצלן.

**דעריבער** דארף מען וויסן גרונדליך ווי ווייט מען דארף היטן אויף די צניעות אין די אידישע היים און נישט נאכגעהן דעם אומווערדיגן גשמיות׳דיגן לעבן פון די פעלקער.

**דאס** איז גערעדט וועגן די אייגענע שטוב — דאס זעלבע איז אין באצוג דעם כלל ישראל. ווען אין גאס היט מען אויפן פונדאמענט פון צניעות ביים קליידונג, קאפ־צודעקונג א. ז. וו. — רוהט די שכינה אין די אידישע מחנה צוזאמען מיט זיין ברכה; און או אידישע טעכטער געהען אין גאס נישט בצניעות, זענען זיי גורם א דערווייטערונג פון די שכינה! ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה זאגן אונז, אז די אידן האבן געזינדיגט איז די שכינה אוועק פון זיי ווי עס שטעהט אין פסוק ״ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך״, דאס הייסט: השי״ת זאל נישט זעהן ביי דיר אומריינע זאכן וואס דאס ברייינגט ער זאל זיך אפ־קעהרן פון דיר! און אז די שכינה קערט אפ פון די מחנה ישראל, ווערט פארשוואונדן די ברכה, ס׳ווערט געמינערט דער שפע פון הימל; אידישע פרנסות ווערן אפגעשוואכט און תורה ווערט פארגעסן און ס׳שטארקן זיך ח״ו צרות אוןליידן אויפן כלל און פרט; און ס׳ווערט רואינירט דער גאנצער שטאנד פון פאלק ישראל אלס אויסדערווייילטע פאלק, אלס באזונדער ״עם סגולה״.

# קונטרס לוית חן

**פון** זינט דער אידישער פאלק איז געווארן א פאלק, איז ער אנערקענט געווארן אלס דער קעניגליכער ג-ט'ליכער לעגיאן וואס טראגט דעם פאהן פון קדושה און טהרה!

**איז** טאקע אזוי פון שטענדיג אן, האבן געוואוסט די אידישע פרויען זיך אויסצוצייכענען און זיך באקרוינען מיט די איידלקייט פון חן פון צניעות. כדי נישט צו ברענגען מענטשען צו זינד און שלעכטע מחשבות.

**דער** נביא ישעי' ווען ער רעדט וועגן חורבן בית המקדש און ירושלם, רעכנט ער אויס איינע פון די סיבות "יען כי גבהו בנות ציון", ווייל די אידישע טעכטער האבן זיך גרויס געהאלטן! אויף דעם זאגן אונז די חז"ל (שבת ס"ב) אז די אידישע טעכטער, אין די תקופה פון חורבן בית המקדש, פלעגן געהן מיט אויפגעהויבענע קעפ, מיט שטאלצע אויסגעלאסענע טריט און געפוצטע אויגן. און דאס אלעס האבן זיי געטהון כדי זיך צו באריהמען מיט זייער שעהנקייט און זיך ארויסווייזן אין די גאסן!

**איז** געקומען דערויף די ג-ט'ליכע נבואה אין מויל פון ישעי' הנביא: "ושפח ה' קדקוד בנות ציון" עס וועלן קומען אלערליי שטראף און ליידן פאר'ן חוצפה'דיגן גאנג. אויך געפינען מיר ווי די חז"ל (מדרש מצורע י"ט) זאגן אויפן פסוק "בעצלתיים ימך המקרה", דורך דעם וואס די פרוי פוילט זיך צופארדעקן וואו זי דארף פארדעקן — קומען ח"ו פארשידענע אויסשלאגען רחמנא ליצלן.

**ווען** מיר באטראכטן די לאגע אין היינטיגן דור, ווערט פינסטער אין די אויגן. די מערהייט פון פאלק האבן אראפגעווארפן פון זיך דעם קרוין פון צניעות. ס'מערט זיך אין די גאסן דאס פריצות ווי די ערגסטע פון די פעלקער, צו זינקען אין די טומאה פון די גוים אננעמענדיג די עקלדיקסטע גויאישע מאדעס.

**אלע** גאסן אין די הייליגע לאנד זענען ליידער פוהל מיט אומווערדיגע מאדעס. דער שטן פון פריצות שפרינגט אין די גאסן און פייערט זיין נצחון אויף די יוגנט. עס איז פשוט צו קלאגן און צו וויינען צו וועלכע נידריגע שטופע איז אראפ אונזער דור, אז מען קען שוין נישט דורכגעהן די גאס אין ארץ ישראל. עס איז א געוואלד צו וועלכע לאגע מיר האבן דערגרייכט אין די הייליגע לאנד.

**באזונדער** ווייטאגט דיא הארץ, אויף די לאגע פון דאס קאפ-צודעקונג בייא די פארהייראטע פרוי, ס'איז א כבוד און א פליכט פאר די פרוי צו געהן פארדעקט די האר פון איהר קאפ גענצליך. דאס געהן אין בלויזן קאפ — איז א איסור און א שאנדע פאר די אידישע טאכטער וואס היט נישט אויף איהר כבוד.

**ווען** איינער דעקט אפ דאס קאפ־טיכל פון א פרוי אין מיטן גאס און ס'איז אנטפלעקט געווארן איעהרע האר — דארף דער מענטש איהר באצאהלן, אלס קנס, פיהר הונדערט גילדן! אזוי זאגן די חז"ל. ווייל דער מענטש האט די פרוי מיט זיין פעולה פארשעמט, ווייל צו געהן מיטן בלויזן קאפ איז א שאנדע!

**עס** איז באוואוסט דער דין פון א פרוי א "סוטה", אין די צייט פון בית־המקדש. א פרוי וואס מען האט געהאט אויף איהר א פארדוכט אז זי האט געזינדיגט, האט מען איהר פארשעמט.

**מיט** וואס האט מען איהר פארשעמט? זאגט די תורה: "ופרע את ראש האשה", מ'זאל איהר אפרעקן דעם קאפ! ווייל דאס איז געווען א **שאנדע ביי די אידישע טעכטער אז פרעמדע זאלן זעהן איהרע האר!**

**דעריבער** איז עס אזוי איינגעווארצלט ביי די אידישע טעכטער צו געהן צוגעדעקט דעם קאפ, היטנדיג אויפן קרוין פון צניעות וואס איז צוא זיי איבערגעגעבן געווארן.

**עס** טהוט וויי, אלזא, די הארץ אז פיעל אידישע פרויען זענען נישט געווארנט אין די מצוה און זיי שעמען זיך נישט צו געהן אין בלויזן קאפ.

**אין** אזא מאמענט, וואס איז דער פליכט פון די "שארית הפליטה" פון די אידן וואס זענען געבליבן ביים ריכטיגן אמונה אנערקענונג? — **צו פארשטארקן די צניעות און פארברייטערן איהרע גרעניצן!** ווייזן די וועלט אז מיר האבן נישט קיין התפעלות פון די גאנגבארע מאדעס וואס הערשן אין גאס; אז מיר זענען באהעפט צו די תורה און טראדיציע און אלע אידישע מנהגים; ווייזן אלעמען אז מיר שטאלצירן מיט אונזער צניעות־טראגע און מיר זענען געבליבן געטריי אונזער תורה די ירושה פון אונזערע עלטערן ביז אייביג.

**ווי** גרויס איז דעריבער דער ווייטאג ווען אויך צווישן די פרויען וואס היטן אויף די תורה, ציטערן פאר א חילול שבת, גיבן שטרענג אכטונג אויף כשרות — האט זיך אויך אריינגעכאפט דער יצר־הרע פון די נייע מאדעס און זיי באמיהען זיך צו געהן מיט א פארוק אז מ'זאל נישט דערקענען דאס זיי געהען צוגעדעקט די האר פון קאפ, דאס הייסט: זיי שעמען זיך מיטן צניעות טראגע ביים קאפ־צודעקונג! **און זיי ווילן אויסזעהן אויף דעם באדן ווי די אויסגעלאסענע!**

**צו** אזא מדרגה זענען צוגעקומען פרומע אידישע טעכטער, זיך צו שעמען מיטן קאפ־טיכל וואס סימבאליזירט די ירושה'דיגע דורות'דיגע צניעות.

**פרומע** אידישע טעכטער, וואס וועט איהר ענטפערן, ווען מען וועט אייך זאגן:

— **איהר** באציהרט זיך מיט שעהנע צירונגען, נאר דעם גייסטיגן צירונג, דעם צניעות מעדאל אויפן קאפ וואס דער מלך מלכי המלכים האט אייך געשאנקען — פארשעמט איהר! איהר געהט יא מיטן צירונג, איהר פארדעקט די האר פון אייער קאפ, אבער איהר פארשטעלט עס! איהר טהוט אלעס וואס מעגליך אז מענטשן זאלן מיינען אז איהר געהט מיטן בלויזן קאפ. מיט די אנדערע צירונגען שטאלצירט איהר — זאלן עס אלע זעהן! נאר מיטן האר־צודעקונג שעמט איהר זיך פאר די גאס, איהר שפירט א בושה צו געהן מיט דעם — ווי צו אזא בושה! או לאותה בושה!!

**ריכטיג,** דער "פארוק", אדער די "פאה נכרית", איז נישט היינט געבארן געווארן. אין פארשידענע מדינות פלעגן עס טראגן פרומע פרויען. דא איז אפילו א ארט צו דערמאנען אז וועגן דעם פארוק איז געוועהן א מחלוקת צווישן די פוסקים. אנדערע האבן מתיר געוועהן און אנדערע האבן גע'אסר'ט.

**אבער** דאס איז גערעדט וועגן יענע פארוקן אדער שייטלען, וועלכע מען האט דערקענט אלס פרעמדע האר, איז ווען אפילו אנדערע פוסקים האבן עס אויך גע'אסר'ט, פלעגן זיך א טייל פארלאזן אויף די וואס האבן עס מתיר געוועהן.

**דאס** איז אבער קלאר ווי דער טאג אז די שייטלען וואס אנדערע האבן מתיר געוועהן — מיינט נישט דעם היינטיגן פארוק וואס עס איז אזוי אויסגעארבעט אז ס'איז נישט צו דערקענען צו די פרוי געהט מיט אייגענע האר אדער פרעמדע. אזא שייטל איז זיכער אסור, אויך צוליבן באוואוסטן איסור "מראית עין", ווייל די אויג פון פרעמדן מיינט אז די פרוי געהט מיט די אייגענע האר!

**דער** דין איז אז איינער וויל עסן פלייש מיט מאנדלען מילאך אדער קאקעס־מילאך (די ווייסע זאפט פון דיזע פרוכט) — מעג ער עס עסן, אבער וויבאלד אנדערע קענען דאך מיינען אז דער מענטש עסט בשר וחלב, דאס הייסט וויבאלד די מאנדלען־מילאך זעהט אויס ווי קוה־מילאך — טאר מען עס נישט עסן נאר אוועקלייגנדיק דערביי א פאר מאנדלען, מען זאל וויסן אז עס איז נישט קיין קוה־מילאך מיט די פלייש. עס איז אלזא א קלארע זאך אז מען טאר נישט טהון א פעולה וואס אנדערע מיינען אז עס איז א עבירה!

**איז** ממילא, ווען די פרוי געהט אזא שייטל וואס אנדערע מיינען אז זי געהט אין בלויזן קאפ — איז עס א איסור. אויף אזא שייטל איז שוין נישטא קיין היתר. אזוי שרייבט דער גאון הדור רבי יהושע לייב דיסקין דער בריסקער רב זצ"ל רעדנדיק וועגן דעם היתר פון "פאה נכרית" — פירט ער אויס אז דאס

אלעס איז נאר אויב עס איז קאנטיג אז זי געהט א שייטל און ס'איז נישט איהרע אייגענע האר, אבער ווען עס איז נישט צו דערקענען — איז עס א ודאי אסור!

**די** פרוי וואס געהט מיטן פארוק אין גאס, באקאנט אלס ארטאדאקסישע פרוי, און זי קוקט אויס ווי א מיידל — וואס איז זי גורם? אז דורכגעהעריגס טייטלען מיט די פינגער: אט זענען זיי פרומע ווייבער! זיי געהן אויך אין בלויזן קאפ! דאס איז שוין פארבונדן מיט א חילול השם.

**ווידער** ברייננגט עס אז פרויען פון שוואכן כאראקטער און וועלכע האבן נישט די מעגליכקייט צו קויפן זיך א פארוק — ניצן אויס דעם דאזיגן פאקט פאר א תירוץ צו געהן מיט די אייגענע האר אפגעדעקט. ווייל געהן מיט א טיכל, דערצו "איז זי נישט אזוי פרום"; געהן מיט א שייטל, איז עס נישט מעגליך פאר איהר  געהט זי בלויזע האר. ווער איז שולדיג — אט די פרומע ווייבל וואס געהט אין גאס און אנדערע מיינען אז זי געהט מיט די אייגענע האר. ווי נעמט זי אויף זיך אזא אחריות, אפילו ווען עס איז א ספק ספיקא?

**צוקוקענדיג** אויף אזא פרצה וואס דרינגט אריין וואס מערער צווישען די פרומע קרייזן. האבן זיך לעצטנס צונויפגעקליבן תלמידי חכמים און יראי שמים ואנשי מעשה, וואס ס'ווייטאגט זיי די לאגע אויף דעם באדן. ס'איז געבליבן ביי זיי מען זאל ארויסגעהן מיט ערקלערונגען און ברייננגען די ווערטער פון גדולי ישראל וועגן דעם איסור פון ענטבלויזע האר און וועגן שייטל.

**קיינער** זאל נישט חושד זיין אז זיי מיינען צו שאפן דערמיט א פסק־הלכה. עס איז אבסאלוט נישט פאר אונז זיך אריינצומישן און זאגען אונזער מיינונג אין אזא ענין וואס גדולי הפוסקים האבן באהאנדלט, זיי ווייסן גאנץ גוט די דעה פון א טייל פוסקים וואס האבן מתיר געוועהן די "פאה נכרית", און וואס אויף דעם פארלאזן זיך א סאך ביים פאלק אין פיהלע ארטאדאקסישע קהילות.

**דאס** וואס זיי האט געברייננגט דערצו, איז וואס דער היתר האט זיך גענומען צושפרייטן אין גרויסן מאסשטאב אויף צווישן פיהל פאמיליעס וואס האבן נישט אנגענומען דעם היתר ביז יעצט. איבערהויבט האט מען זיך באניצט מיטן היתר אלס אויסוועג אין די גויאישע לענדער, אבער יעצט זענען ברייט צופנט געווארן די טיהרן אין פיהלע הייזער וואו מען האט געלעבט ביז היינט לויטן פריערדיגן שטייגער־לעבן אהן די לעצטע מאדעס. פארפירערישע ווינטן בלאזן דארטן און דער גייסט פון די מאדעס רייסט זיך אריין ביי זיי. צוביסלאכווייז ווערט פארגעסן אין די הייזער דאס צניעות־טראגע, און גרינגשעצנדיגע מיינונגען, גענומען פון די שטורמישע גאס און די כפירה־צייטונגען, פארטרייבן די צניעות־איינפירונגען פון אונזערע מוטערס.

**מיר** ברענגען די ליסטע פון די פוסקים וואס אסר'ן די "פאה נכרית", און מיר שטעלן א פראגע צו די תלמידי חכמים און טייערע אידען:

— **איהר** זענט מדקדק במצוות גאר שטרענג, איהר זוכט אלע הידורים ביי יעדן מצוה און אנטלויפט פון יעדן קלער פון א עבירה, אזוי ווי עס פאסט טאקע פאר יראי שמים — ווי־זשע קומט עס צו אייך, איהר זאלט זיך פארהוילן אין אזא ערנסטע פראגע וואס איז נוגע אין "דת משה ויהודית"; ווי עס וואלטן גארנישט עקזיסטירן גאוני ישראל וועלכע האבן נישט צוגעשטימט צום היתר פון "פאה נכרית". פאר וואס זאלט איהר זיך נישט מתבונן זיין אז א טייל פוסקים שטעלן פעסט אז א פרוי וואס געהט מיט אשייטל איז עובר א איסור דאורייתא אדער א איסור דרבנן?!

**און** ווי זאלט איהר נישט אפילו א קלער טהון: דער היינטיגער פארוק, וואס קוקט אויס ווי די אייגענע האר — אפשר איז דאס נישט בכלל פון דעם היתר אפילו לויט די מתירים?! און ווען דאס איז נישט אזוי זיכער ביי אייך, אבער א ספק לפחות מעג דאך עס ערוועקן ביי אייך! איהר אנטלויפט דאך, אין אלגעמיין, פון א ספק־ספיקא פון א עבירה?! איז טאקע אזוי וויכטיג דער פוצערישער גייסט ביי אייער פרוי אז עס וועגט אריבער ח"ו א ספק איסור?! —

**ביי** די מאסן, די פשוטע מענטשן, האט אפשר א ארט זיך צו פארלאזן אויף די פוסקים, וועלכע האבן מתיר געווען די שייטל, כדי זי זאלן נישט נכשל ווערן אין א גרעסערן איסור פון געהן מיט די בלויזע אייגענע האר; און צייטנווייז קען אפילו שעצן דעם שטעלונג פון דיזע פרויען, וועהן זייא געפינען זיך אין א שלעכטע סביבה, אונטער שפאטישע בליקן.

**אבער** איהר תלמידי חכמים, וואס איהר האט זוכה געווען אויפצושטעלן הייזער פון תורה און יראת שמים, איהר זיצט אין די ישיבות און כוללים און שטייגט אין תורה לערנען — פאר וואס דווקא ביי די פראגע פון פארוק האט איהר נישט דעם מוהט צו היטן אויף די דורות'דיגע טראגע פון די פרוי?!

**דער** "חובת הלבבות" לויבט די חסידים וועלכע שיידן זיך אפ פון זיבעציג טויערן פון היתר טאמער וועלן זיי צוקומען צו איין טויער פון א איסור. איז דאך א קל־וחומר געווארנט צו זיין אין אזא ענין וואס איז א ספק פון מער איסור טויערן!

**רבנו** יוסף קארו, בעל השלחן־ערוך זאגט: "אפילו אין די וועלטליכע ענינים איז יעדער קלוגער קלייבט אויס דאס זיכערסטע וועג וועלכע איז אפגעהיט פון יעדן שטרויכלונג אפילו אויף א ווייטן ספק — איז דאך א קל־וחומר אז מיר

דארפן אזוי טהון אין די וועגן פון מצוות וועלכע איז דאס פינטל פון די וועלט, און ווי אזוי פארלאזן מיר דאס אויסגעטראטענע וועג פון אונזערע הייליגע רביים און ברייגען זיך אריין אין א ענגן ארט פון שמאלע געסלאך".

די חכמים ז"ל זאגן מען פרעגט איינעם, פארוואס לאזט ער זיך וואקסן אזוי גרויס זיין בארד? ענטפערט ער: זאל עס זיין געגן די מזיקים! וואס איז דער מיין פון די ווערטער. דער פשט איז אזוי מען פרעגט איינעם, פאר וואס שערסטו זיך נישט אונטער אביסל דיין בארד? ענטפערט ער: דאס איז אנטקעגן די וועלכע גאלן זיך געגצליך זייער בארד און זענען עובר א איסור תורה. דאס הייסט, ווען אין גאס הערשט הפקרות אין א געוויסע מצוה — דארף דער פרומער איד פארגרעסערן זיין איבערגעבנהייט אין די מצוה.

פאר וואס־זשע זאלן זיך נישט מתבונן זיין די פרומע איידאלע אידן אז אין אזא צייט וואס פריצות בושעוועט אין די גאסן און פיהל אידישע פרויען געהען מיטן בלויזן קאפ אהן בושה — דארף מען דאך אלס געגן־קראפט, פארשטארקן די צניעות אויפן באדן פון האר־צודעקונג!

למעשה איז ליידער א פארקערטע וועלט, אנשטאט פארשטארקן דעם ענין — באמיהען זיך גאר אידישע פרויען, אריינלייגענדיג חכמה און געלד, זיי זאלן נישט אויסזעהן אנדערש פון אומפארשעמטע פרויען וואס געהען בלויז־קעפיג אויסרופנדיג אז זיי היטן נישט אויף דת משה וישראל. ווי טיף איז די שאנדע און ווי גרויס דער חילול ה'.

אין צווייטן זייט, ווי גרויס איז דער קידוש ה', ווי שטארק איז דער כבוד שמים וואס ווערט געמערט דורך די פרויען וואס דאס קאפ־צודעקונג לויט די תורה'דיגע פירונג, איז ביי זיי א שעהנקייט, א כבוד און א צייכן פון געטריישאפט צו תורת ה' תורת ישראל.

## איצטער א ווארט צו די בני ציון היקרים!

די הארץ טהוט וויי אויף די איבערקערעניש וואס ס'איז געשעהן אין די הייליגע שטאט ירושלים, די אויסגעצייכנטע ציון וואס איז פון שטענדיג געוועהן אויסגעצייכנט מיטן טראדיציאנעלן לעבן־שטייגער און צניעות פון איהרע זיהן און טעכטער אינ'ם גייסט פון גרינדער פון דעם ישוב אין ירושלים. אין די צייט וואס שטורעמדיגע ווינטן האבן געבושעוועט אין גאנץ לאנד, האבן די מויערן פון ירושלים געדינט אלס פעסטונג און שרץ געגן די טריפה קולטור פון די פעלקער. דער חינוך הבנים והבנות איז געוועהן על טהרת הקודש. פון די פריהסטע יאהרן האבן זיך די יונגווארג געהאדעוועט אין א הייליגע אטמאספער, ביז זייא האבן

זיך אויסגעוואקסען מיט די גאנצקייט פון הארץ און ריינקייט פון די געדאנקען; און אזוי ווי אינווייניג — אזוי אויסערליך. באצייכנט מיטן באשיידענעם לבוש, א חן פון איידלקייט אויפן אויסזעהן, אז אלע האבן דערקענט דאס זיי זענען ג-ט׳ס געבענטשטע קינדער. און ווען זיי האבן זיך אויפגעשטעלט א הויז, א נעסט פון א נייע פאמיליע, איז עס געבויעט געווארן אויפן זעלבן פונדאמענט פון די עלטערין, די שכינה זאל קענען רוהען דארט. אזוי האט מען געצויגן די גאלדענע קייט.

**און** ווי קוקט יעצט אויס? עס ווערדן פינסטער די אויגן, דער מויער פון ירושלים איז איינגעבראכן, פארשוועכט איהר כבוד און פארפלעקט מיט די שמוץ פון די פעלקער, ענג זענען געווארן די גאסן צו געהן אין זיי. עס הערשט אין שטאט הפקרות און פריצות. די הייליגע ירושלים, דאס גלוסטיקייט פון די גאנצע אידישע פאלק, דאס הארץ פון יודנטהום — ווי אזוי ביזסטו געווארן צו שאנד?!

**במסתרים** תבכה נפשנו, אין די באהעלטעניש וויינען מיר און קלאגן אויף די גייסטיגע ירידה פון ירושלים עיר הקודש, און א ציטער כאפט אונז אן טראכנטדיג וועגן די צוקונפט פון די שארית־הפליטה, די לעצטע פאמיליעס וועלכע האבן נאך געהיט מיט שטאלץ אויף זייער נאמען און אפשטאם, מיט א וואונדערליכע געטריישאפט און גבורה האבן זיי געהאלטן הייליג דעם פקדון פון די פוהלע צניעות וואס ס׳איז זיי איבערגעגעבן געווארן פון זייערע עלטערן.

**און** וואס איז דא געשעהן? — פיהל פון די פאמיליעס האבן אראפגעלאזן דעם פאהן, געבויגן זייער שטאלץ, דורכן דרוק פון די מערהייט, אונטערן ווירקונג פון די שטורעמדיגע גאס.

**מען** האט פלוצים געווארפען א אום־חן אויף די קאפ־טיכל וואס הונדערטער דורות האבען עס אונזערע מוטערס געטראגען מיט שטאלץ ווי א קרוין אויפן קאפ.

**און** יעצט האט מען פארלאזען די טראדיציאנעלע צניעות־טראגע און זיך אנגעכאפט אינ׳ם היתר פון "פאה־נכרית", נישט מערקנדיג אז דאס איז א פרעמדע צווייג אין אונזער וויינגארטן וואס דורות האבן אזוי פיהל געהיט אויף זיין גאנצקייט, זיי ווילן נישט פארשטייז אז וואס פאר אנדערע איז אפשר נישט קיין פעלער — פאר אונז איז עס יא א פעלער! ביי אנדערע איז דאס אפשר פארראכטן — ביי אונזערע איז דאס קאליע געמאכט! ווייל דער מנהג פון דעם ארט איז קיינמאהל אזוי געווען. אונזערע מוטערס האבן זיך געפירט פון שטענדיג אן מיט א טיכל אויפן קאפ — ממילא איז א איסור זיך צו פירן אנדערש. "אל תטוש תורת אמך", זאלסט נישט פארלאזן דיין מוטערס לעהרע — זאגט שלמה המלך. בפרט אז אזוי האבן אנגענומען די איינוואוינער פון שטאט פון

שטענדיג אן לויט די הוראה פון די חכמים און רבנים, בלייבט עס ממילא א איסור.

**אט** פאר די פאמיליעס, באזונדער פאר די, איז דאס מאנונג פון דעם קונטרס פיהל־פאכיג כאטש דער אינהאלט רעדט צו אלעמען. די כוונה איז צו ערוועקן דעם פונק מ'זאל זי ארומקוקן, מתבונן זיין און זיך אומקערן צום מקור פון די תורה'דיגן שטייגער־לעבן.

**נאהנט איז דער טאג פון ג-ט. עס הערן זיך די טריט פון אונזער ערווארטעטע ־גאולה. קול דודי דופק, די שטימע פון אונזער פריינד השי"ת קלאפט אויף אונזערע טיהרן. אבער פארן אוועקגעהן פון דעם רוח הטומאה פון די לאנד — ארבעט די "סטרא אחרא" מיט די לעצטע כוחות פארשפרייטנדיג אזעלכע שוידערליכע אומווערדיגע פריצות כדי צו רואינירן דעם מאראלישן פונדאמענט פון די יוגנט. א סאך סייעתא דשמיא, הילף פון הימל איז געפאדערט דורך צו געהן אזא שווערע תקופה. וואויל די יעניגע וואס זענען זוכה זיך צו שטארקן און געגנשטעלן די חוצפה'דיקייט וואס הערשט פאר משיח'ס צייטן, געהנדיג אין די וועגן וואס אונזערע עלטערן האבן אונז אויסגעטראטן, און זענען גרייט צום גרויסן טאג ווען עס וועט אנטפלעקט ווערן אויף די גאנצע וועלט, דער כבוד פון מלכות שמים וואס וועט ערשיינען מיט גרויסקייט און ליכטיגקייט דורך משיח צדקנו אין שפיץ פון אונזער קעניג במהרה בימינו אמן.**

**ואתם הדבקים בה' אלוקיכם חיים כולכם היום!**

## אל תטוש תורת אמך

**מיר** געפינען פאר נויטיג אויסדריקען אונזער ווייטאג אויף דעם וואס פארשידענע פאמיליעס אין ירושלים, האבען אנגעהויבען זיך מאדערנעזירען, און דיא פרויען הערען אויף צוא פארדעקען דיא קאפ מיט א טיכעל וויא דער מנהג פון אונזערע הייליקע מוטערס, נאר מיט א היטעל אדער עהנליך צוא דעם, וועלכע איז א פירצה אין דיא טראגע פון אונזערע עלטערען, און אויף דעם איז געזאגט געווארען דער פסוק אל תטוש תורת אמך, אויסער וואס דאס צודעקען זיך מיט א טיכעל האט א יסוד אין הלכה ווי ס'ווערט געפאסקנט אין שו"ע אבן העזר סי'

קט״ו, דאס מען טאר ניט ארויס גיין אין גאס נאר ווען דיא קאפ איז צוגידעקט מיט א רדיד חוץ דיא מטפחת און אזויא פאסקענט אויך דער באר שבע סי׳ י״ז, דאס אפרויא מוז זיך צודעקען מיט צווי כיסוים, און אין ספר מחניך קדוש סעיף כ״ב מערקט אן אז ווען א פרויא דעקט זיך צוא מיט א הוט אן קיין אונטערשיד איז דא אחשש פון דעם לאו לא תלבש אשה כלי גבר (רמב״ם פי״ב מעכו״ם ה״ט וה״י ע״ש). און אין ספר זכרון יעקב יוסף בריינגט ער פון הגאון הצדיק בעל קדושת יו״ט זצוק״ל וועלכער האט שטארק גערעדט וועגען דעם וואס פרויען גייען מיט ביי האר, אדער טראגען א הוט אויפען קאפ, און האט פארזיכערט אז דיא אלע וואס וועלען פארמיידען דיא מאדעס פון זייער הויז, וועלען געבענטשט ווערען מיט בני חיי ומזוני אמן.